

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

נח
תשפ"א לפ"ק
גליון ק"מ

## פראגע

**דער רב האט געזאגט היינט אז ווען איינער ווערט ח"ו קראנק אדער געשעדיגט, זאל ער נישט באשולדיגן השי"ת, נאר זיך אליינס באשולדיגן פאר'ן זיך נישט גוט קעיר נעמען. אבער דארפן מיר נישט קוקן וועלכע עבירות מיר האבן געטון וואס האט געמאכט אז השי"ת זאל אונז באשטראפן מיט דעם פארקילעכטס אדער ווייררוס, אדער סיי-וואס ס'איז?**

## ענטפער:

אויסדרוקליך, אודאי! "יפשפש במעשיו". ער דארף נאכפארשן זיינע מעשים. "אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו" - אויב א מענטש זעט אז יסורים קומען אויף אים, דארף ער נאכזוכן זיינע מעשים (ברכות, ה,א). אבער צווישן די פשפוש וואס ער דארף טון, דארף ער זיך פרעגן "האב איך פארנאכלעסיגט מיין געזונט? באקום איך גענוג שלאף? טו איך מיך אן גענוג ווארעם? עס איך געזונטע עסן? גיב איך אבאכט ווען איך גיי אריבער די גאס?" דאס נאר מען אויך נישט פארנאכלעסיגן.

א מענטש איז מחויב זיך צו האלטן געזונט. דער אויבערשטער זאגט, "איך האב דיר געגעבן א קערפער, און דו האסט נישט קיין רעכט עס צו פארנאכלעסיגן." במילא, בשעת מען פארשט נאך די מעשים, געדענק אז היטן די געזונט איז אויך זייער א וויכטיגע נושא נאכצוזוכן. ווייל אפטמאל איז מען אליינס דער גורם פון די קרענק, ווייל מען האט זיך נישט גוט קעיר גענומען. און דאס איז אויך א זינד קעגן השי"ת. (#E-172)

## פראגע

**דער רב האט אונז געלערנט דעם יסוד פון "הרואה שיסורים באים אליו יפשפש במעשיו" - ווען א מענטש זעט אז עס קומען יסורים אויף אים זאל ער תשובה טון. אבער וויאזוי זאלן מיר רעאגירן ווען מיר זעען יסורים קומען אויף אנדערע מענטשן?**

## ענטפער:

עטליכע זאכן. נומער איינס איז צו דאנקען הקדוש ברוך הוא אז עס איז נישט געקומען צו אונז. אזוי ווי איר הערט אייביג פון מיר, אויב איר זעט עמיצן וואס איז בלינד, דארפט איר פארשטיין ווי גליקליך איר זענט אז איר קענט זאגן "פוקח עוורים" אינדערפרי. צו קענען זען איז א מחיה'דיגע ערפארונג און אויב איר גייט דורך א בלינדער מענטש זאלט איר זיכער מאכן נאך טיפער צו שפירן דער תענוג פון זען און דאנקען דעם באשעפער דערפאר. יעדער מענטש וועם איר זעט מיט צרות, דארף אייך געבן א שטופ צו דאנקען הקב"ה מער און מער.

צווייטנס, עס זאל שטיפן מענטשן זיך צו פארבעסערן. ווייל פארוואס זאלט איר חס ושלוםווארטן אז ס'זאל קומען צו אייך? מען קען אויסנוצן א צווייטנ'ס צרה צו ווערן בעסער, און אזוי ארום איינשפארן פון עס אליינס דארף דורכגיין. מען זעט וואס דער אויבערשטער קען טון צו א מענטש, און עס שטיפט צו טון תשובה.

עס זענען דא נאך וועגן וויאזוי צו רעאגירן צו אנדערע מענטש'נס יסורים, אבער פאר יעצט איך האב אייך געזאגט צווי זאכן. איך וועל עס איבער'חזר'ן. איין וועג איז צו ווערן מער דאנקבאר אז איר זענט פארשוינט געווארן. און איר דארפט עס אויסדרוקן מיט הודאה און ענוה צום אויבערשטן. און די צווייטע זאך איז תשובה צו טון ווילאנג ס'איז נאך דא צווייט, ווייל ס'איז א מעסעדזש צו אייך: "קוק וואס קען געשען, יאג דיך צו און טו תשובה כדי עס זאל קיינמאל נישט געשען צו דיר." (#300)

## פראגע

### פארוואס האט דער איבערשטער צעטיילט די אקעאנען פון דער וועלט?

## ענטפער:

ערשטנס כל, רוב אקעאנען זענען באמת איינס. די אטלאנטיק און פאסיפיק זענען באהאפטן און דערפאר זענען זיי ווי איין ים; נאר ימים אין די יבשה זענען אפגעטיילט. אבער איך וויל אייך זאגן דאס: אפילו די אקעאנען זעלבסט האבן פארשידענע קלימאטן, און פארשידנארטיגע באשעפעניש. און די ציל דערפון איז, ווייל הקב"ה האט געוואלט אז די וועלט זאל זיין ווי א קייט-געשעפט פון אלע סארט פראדוקטן, וואו גארנישט פעלט נישט.

די וועלט איז באשאנקען מיט יעדע סארט ים באשעפעניש, פונקט ווי עס האט כמעט יעדע סארט לאנד באשעפעניש, און דאס אלעס גיבט **די שלימות פונעם איבערשטנ'ס בריאה**. ווען מענטשן זעען אזוי סך זאכן, ספעציעל אזויפיל סארט פישן - ווי רש"י זאגט אין מס' ראש השנה (לא), פארוואס מיר זאגן דאנערשטאג אינעם יום "הרנינו"! זינגט צום באשעפער. פארוואס דארף מען זינגען די פינפטע טאג פון די בריאה? ווייל ער האט באשאפן פיש און פייגל. און רש"י זאגט, אז ווען מען זעט אזויפיל סארט פישן, פארשידענע סארט פויגל, ווערט מען איבערגענומען מיט וואס מען זעט. מען זעט די גדלות פונעם איבערשטנ'ס בריאה און מען זינגט צו אים.

אויב מען זעט נאר איין סארט, איז עס צו פשוט, מען באמערקט עס נישט. אבער ווען מען זעט אלע סארט קאטשקעס און אלע סארט פישן, וועקט עס אויף די מח, מען ווערט גערירט צו באמערקן די גרויסקייט פון השי"ת, און מען זאגט "הרנינו" - זינגט צו השי"ת.

און דאס איז דער ציל פארוואס עס זענען דא פארשידענע סארט קלימאטן אין די ימים, ווייל פארשידענע סארט פישן און פארשידענע אנדערע ים-באשעפענישן, בליען אין אנדערע סארט חלקים פון די ימים.

## פראגע

### וואס זאגט איר וועגן די נושא פון אריינמישן רעליגיע אין פאליטיק? ס'איז א טענה וואס איז לעצטנס אויפגעבראכט געווארן קעגן רעגירן אז ער מישט צופיל רעליגיע מיט פאליטיק?

## ענטפער:

און אונזער ענטפער איז אז **מיר ווילן מישן** רעליגיע און פאליטיק, ווייל יעדער טוט עס. אויב גאווערנאר קאומאו איז געגאנגען אנטיילנעמען א באנקעט פאר תועבה'ניקעס אויפצוטרייבן געלט פאר זייער פאליטישע אקטיוויטעטן, הייסט דאס נישט מישן רעליגיע מיט פאליטיק?! אודאי יא. דאס איז **זיין רעליגיע**. וואס דען איז עס? ס'איז פאר די ציבור'ישע וואוילזיין? ס'איז א תועלת פאר די יונגווארג? ס'איז אויפצוטרייבן געלט פאר די רעגירונג? ניין; ס'איז א רעליגיע.

איז פונקט ווי די ליבעראלן האבן זייער רעליגיע פון כפירה, א רעליגיע פון מאטעריאליזם, א רעליגיע פון קארופציע און השחתה, פון צעברעכן אלע ווירדן פון ציוויליזאציע, פארוואס זאל נישט דער פרעזידענט אויך האבן א רעליגיע?

פונקט פארקערט, אויב מיר זעען דעם פרעזידענט רעדן וועגן רעליגיע, קענען מיר אים חושד זיין אז ער פרובירט צו באקומען די שטימען פון רעליגיעזע מענטשן. און אויב אזוי, באקומט ער אונזער שטימע! יעדער זאל שטימען פאר פרעזידענט רעיגען, ס'איז נישט קיין שום פראגע. אויב האט איר זיך נאכנישט רעגיסטרירט, קומענדיגער דינסטאג איז רעגיסטראציע טאג. גייט און רעגיסטרירט אייך, פון ניינע צופרי ביז ניינע ביינאכט. ווערט געוואויר וואו ס'איז אין אייער געגנט. אין דעם געגנט איז עס אויף איסט 8 סטריט ביי די פובליק סקול. גייט זיך רעגיסטרירן און מאכט זיכער צו שטימען.

מען דארף האבן אייער שטימע; ס'איז גרויסע מצוה צו שטימען. דאס איז אויך איינע פון די זאכן אויף וואס מען וועט אייך דן זיין ראש השנה. איר מיינט צו זאגן אז איר גייט בלייבן גלייכגילטיג אין דעם גרויסן מלחמה קעגן די כוחות הטומאה וואס פרובירן איבערצוקערן אונזער ציוויליזאציע? יעדע זאל גיין שטימען! איך האב מיך שוין רעגיסטרירט. יעדער זאל זיך רעגיסטרירן. עס איז ענקער אויפגאבע זיך צו רעגיסטרירן.

מיר ווילן רעליגיע אין פאליטיק. מיר ווילן פרעזידענטן וואס גלייבן אין א באשעפער. מיר ווילן פרעזידענטן וואס גלייבן אין ווירדן פון מאראל און אנשטענדיגקייט. דאס איז די איינציגסטע פונדאמענט פון אונזער געזעלשאפט. און דערפאר איז אונזער ענטפער, אויב א פרעזידענט רעדט רעליגיע און מאכט עפנטליכע באמערקונגען דערוועגן, דאן איז ער דער מענטש פאר וועם מיר גייען שטימען. (524#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com




# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב